# סצענע 12 ג'

# Escena 12 C

## ווּ וועלן זיי וווינען ?

## ¿Dónde habitarán?

יאָסל - זאָג מיר מאָטל: איר האָט שוין געטראַכט ווּ וועט איר וווינען ?

בערל - עס איז זייער שווער איצט צו קויפֿן אַ שטוב. הײַזער זײַנען זייער טײַער.

יאָסל - עס וואָלט געקענט זײַן אַ שותּפֿות-הויז...

בערל - אָבער קויפֿן אַ שותּפֿות-הויז איז אויך צו טײַער.

זעליג - איך האָב אַ בעסערע אידעע. זיי וואָלטן געקענט וווינען בײַ מיר אין שטוב, צוזאַמען מיט מײַן גיסע-ביילען. מיר האָבן צו פֿיל צימערן, מאָטל וואָלט מיר געקענט העלפֿן ווען די טעלעוויזיע אָדער די מיקראָכוואַליע ווערן קאַליע... און מײַן ווײַב וואָלט געקענט קאָכן פֿאַר זיי !

מאָטל - אַ גרויסן דאַנק, זיידע, אָבער איך מיין אַז רייזעלע און איך, וואָלטן געוואָלט וווינען באַזונדער...

יאָסל - און רייזל קען שוין קאָכן, זעליג, זאָרגט זיך נישט.

זעליג - און ווּ וועלן זיי וווינען ?

בערל - איך האָב געזען זייער אַ שיינע געבײַדע נישט ווײַט פֿון אונדזער שטוב: דאָרטן האָבן זיי גרויסע דירות. די קינדער וואָלטן דאָרטן געקענט וווינען. נישט קויפֿן נאָר צאָלן דירה-געלט.

מאָטל - עס איז אַ גוטע אידעע. אַ יאָר, צוויי, קענען מיר וווינען אין אַ דירה. איך האָב שוין אָפּגעשפּאָרט אַ סומע געלט, און אין אַ פּאָר יאָרן אַרום, וועל איך שוין קענען עפּעס קויפֿן.

יאָסל - און מיר וועלן אײַך אויך אַרויסהעלפֿן מיט אַ פּאָר פּעזעס... אַאַאַ, בערל ?

זעליג - אין אַ דירה ? אויף אַ הויכן שטאָק ? און וואָס וועט זײַן

בשעת אַן ערד-ציטערניש? עס איז בעסער בײַ אונדז
אין שטוב: עס איז אויף אַ נידעריקן שטאָק, און דו
דאַרפֿסט גאָרנישט באַצאָלן, מאָטל. אַזוי קענסטו
אָפּשפּאָרן אַ סך געלט, ווײַל דירה-געלט איז
אַרויסגעוואָרפֿענע געלט !

בערל - רעב זעליג, זיי זײַנען יונגע- לײַט. זיי ווילן ווינען באַזונדער.

זעליג - אין מײַנע צײַטן, ווען די קינדער האָבן חתונה געהאַט, האָבן זיי געוווינט מיט די עלטערן, די עלטערן מיט די באָבעס און זיידעס, די באָבעס און זיידעס...

יאָסל - מאָדערנע צײַטן זײַנען אַנדערש, זעליג.

מאָטל - אָבער איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ וואָך, וועט איר אונדז קומען באַזוכן, זיידע.

בערל - יאָ, יאָ, דאָס איז זייער אַ גוטע אידעע. צוויי אָדער דרײַ מאָל אַ וואָך, וועלן מיר אַלע קענען קומען אײַך באַזוכן און רייזל וועט פֿאַר אונדז קאָכן אירע גוטע ייִדישע מאכלים !!!

מאָטל - איז אויב אַזוי, לאָמיר אַלע גיין זען די געבײַדע און די דירות...

יאָסל - ניין, ניין, ניין מאָטל. נישט אַזוי גיך... לאָמיר אַלע בעסער פֿריער גיין צו די ווײַבער און זיך אַן עצה געבן מיט זיי.